**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/20/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט פארענדיגונג פון אפאָרדעבעל האוזינג דעוועלאפּמענט מיט 33 יוּניטס אין וועסטשעסטער

***פולשטענדיג-עלעקטרישע Maple Commons אין קראָוטאן-אָן-האדסאן אפפערט אפאָרדעבעל, טראנספארטאציע-אריענטירטע היימער אין פיסגייער-פריינטליכע, בליהענדע קאמיוניטי***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אנאנסירט די פארענדיגונג פון Maple Commons, א נייע האוזינג דעוועלאפּמענט אין קראָוטאן-אָן-האדסאן וואס אפפערט 33 אפאָרדעבעל, ענערגיע-שפארזאמע היימער אין א פיסגייער-פריינטליכע, טראנספארטאציע-אריענטירטע קאמיוניטי. די 18 מיליאן דאלארדיגע קאמפלעקס פון צוויי געביידעס, דעוועלאפּט דורך Regan Development, איז אפאָרדעבעל פאר איינוואוינער וואס פארדינען ביז אזויפיל ווי 80 פראצענט פון די ארטיגע מיטלגארטיגע איינקונפט. אין די לעצטע פינף יאר, האט די ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל (Homes and Community Renewal) געבויט אדער פרעזערווירט מער פון 5,000 אפאָרדעבעל היימער אין וועסטשעסטער קאונטי. Maple Commons זעצט פאר די אונטערנעמונג און ערגענצט גאווערנער Hochul (האקול)'ס 25 ביליאן דאלארדיגע, פינף-יאריגע האוזינג פלאן וואס איז אויף די רעלסן צו בויען אדער פרעזערווירן 100,000 אפאָרדעבעל היימער אריבער די סטעיט.

"Maple Commons ברענגט קריטיש-נויטיגע אפאָרדעבעל אפארטמענטס צו קראָוטאן-אָן-האדסאן, איינס פון די סטעיט'ס ערשטע 'האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטיס'", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "די גאר ענערגיע-שפארזאמע, טראנספארטאציע-אריענטירטע דעוועלאפּמענט איז די לעצטע ביישפיל פון מיין אדמיניסטראציע'ס איבערגעגעבנקייט צו מאכן אונזער סטעיט מער אפאָרדעבעל און צו זיכער מאכן אז אלע ניו יארקער האבן צוטריט צו א סטאבילע און פארזיכערטע פלאץ צו וואוינען."

שטייענדיג אויף Maple Street אין די ווילעדזש אָוו קראָוטאן-אָן-האדסאן, האט די ניי-געבויטע דעוועלאפּמענט אן 8,000 סקווער-פיסיגע פארק וואס איז אפן פאר די פובליקום און נאך דרויסנדיגע מיטגעטיילטע פלעצער, אריינרעכענענדיג א שפיל ארט. אלע איינוואוינער וועלן צוגעשטעלט ווערן אומזיסטע שנעלע אינטערנעט אין זייער יוּניט.

די גאר ענערגיע-שפארזאמע, פולשטענדיג-עלעקטרישע דעוועלאפּמענט איז סערטיפייט געווארן אונטער דעם NYSERDA נייע קאנסטרוקציע – האוזינג פראגראם (New Construction – Housing Program). שפארזאמקייט מאסנאמען רעכענען אריין גאר ווירקזאמע עקוויפמענט פאר די הייצונג און קילונג פון די לופט, הייסע וואסער פאר די שטוב און אפּלייענסעס.

סטעיט רעגירונג פינאנצירונג רעכנט אריין סטעיט און פעדעראלע נידעריגע-איינקונפט האוזינג טעקס קרעדיטס (Low Income Housing Tax Credits) – וועלכע וועלן אויפטרייבן 11.1 מיליאן דאלאר פון

אינוועסטירער – און אזוי אויך א 1.7 מיליאן דאלארדיגע סובסידיע פון די ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינואל. וועסטשעסטער קאונטי האט צוגעשטעלט 1.7 מיליאן דאלאר דורך זייער 'נייע היימער לאנד איינקויפונג' (New Homes Land Acquisition) פראגראם.

**ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינואל קאמישאנער, RuthAnne Visnauskas (רוט-ען וויסנאָסקעס), האט געזאגט,** "אונזער 18 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג אין Maple Commons האט געהאלפן שאפן 33 נייע, אפאָרדעבעל היימער וועלכע וועלן גיבן געלעגנהייטן צו וואוינען אין א זיכערע, פאמיליע-פריינטליכע קאמיוניטי. א דאנק פאר גאווערנער Hochul (האקול) פאר איר חזון און פארפליכטונג צו שאפן מער האוזינג געלעגנהייטן פאר ניו יארקער כדי זיי זאלן קענען וואוינען אויף אן אפאָרדעבעל פארנעם אין וואונדערבארע קאמיוניטיס ווי קראָוטאן-אָן-האדסאן, און אזוי אויך א דאנק פאר אונזערע שותפים ביי Regan Development פארן ברענגען דעם וויכטיגן פראיעקט צו אויסגעפירט ווערן."

**ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט (New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA) פרעזידענט און CEO, Doreen M. Harris (דאָרין מ. העריס), האט געזאגט,** "ניו יארק'ס אויפגעבויטע שטחים שפילן א באדייטנדע ראלע אין אונזער פארשריט אין ריכטונג פון אן ענווייראמענט-פריינטליכע צוקונפט, און נייע קאנסטרוקציע פראיעקטן ווי Maple Commons מאכן זיכער אז מיר נעמען טריט אויף פאראויס. די געביידע עלעמענטן וואס זענען גענוצט געווארן, ווי גאר שפארזאמע הייצונג און קילונג עקוויפמענט, וועלן בענעפיטירן צוקונפטיגע איינוואוינער דורכן שאפן די געלעגנהייט פאר ריינע, געזונטע און אפאָרדעבעל וואוינונג ערטער פאר די וועסטשעסטער קאונטי קאמיוניטי."

**סענאטאר Charles Schumer (טשארלס שומער) האט געזאגט,** "עס קומט זיך פאר יעדע פאמיליע אין וועסטשעסטער צו האבן א זיכערע און אפאָרדעבעל פלאץ צו פاררופן א היים. איך בין שטאלץ אז די פעדעראלע נידעריגע-איינקונפט האוזינג טעקס קרעדיט, וואס איך האב שווער געארבעט צו באשיצן און אויסברייטערן, האט אהערגעשטעלט מיליאנען צו העלפן אויפבויען 33 נייע היימער ביי Maple Commons אין קראָוטאן-אָן-האדסאן. די אינגאנצן-נייע היימער וועלן זיין פולשטענדיג עלעקטריש און וועלן אפפערן די קאמיוניטי נייע דרויסנדיגע שטחים, אריינרעכענענדיג א שפיל ארט. הויכע האוזינג קאסטן זענען א הויפט טרייב קראפט פון אינפלאציע, און דערפאר מוזן מיר בויען מער האוזינג פאר מענטשן וואס ארבעטן כדי צו אראפברענגען די הויכע פרייזן. איך אפלאדיר גאווערנער Hochul (האקול)'ס ארבעט צו פארמערן צוטריט צו אפאָרדעבעל האוזינג אין וועסטשעסטער און אריבער ניו יארק, און איך וועל פארזעצן צו ארבעטן צו אהערשטעלן פעדעראלע מיטלען צו זיכער מאכן אז יעדער ניו יארקער האט א דאך איבערן קאפ."

**סטעיט סענאטאר Peter Harckham (פיטער האַרקהעם) האט געזאגט,** "Maple Commons איז גענוי די סארט אינוועסטירונג וואס אונזערע קאמיוניטיס דארפן כדי צו פארזיכערן צוטריט צו אפאָרדעבעל האוזינג פון א הויכע קוואליטעט. מיינע גראטולירנדע וואונטשן פאר די ווילעדזש אָוו קראָוטאן-אָן-האדסאן און פאר די ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינואל אויף די ערגרייכונג. דורכן גיבן פריאריטעט פאר קלימאט-פריינטליכע דעוועלאפמענט, טוהען זיי זיך באנעמען מיט מערערע אנגעלעגנהייטן אין די זעלבע צייט — בויענדיג גאר-נויטיגע האוזינג, שטיצנדיג שיין-באצאלטע קאנסטרוקציע דזשאבס און פאראויס שטופונדיג אונזערע סטעיט קלימאט ציהלן."

**אסעמבלי מיטגליד Dana Levenberg (דענע לעווענבערג) האט געזאגט,** "מיינע גראטולירנדע וואונטשן פאר די ווילעדזש אָוו קראָוטאן-אָן-האדסאן פארן אנהויבן די ארבעט אויף די באגייסטערנדע האוזינג דעוועלאפמענט. די דעוועלאפמענט איז נאך א לאקאלע באווייז אז אפאָרדעבעל האוזינג קען זיין

הערליך און ברענגען באקוועמליכקייטן און בענעפיטן פאר די גאנצע קאמיוניטי, ווי צום ביישפיל שטח פאר עפנטליכע פארוויילונג. איך בין אזוי שטאלץ אז קאמיוניטיס אין מיין דיסטריקט שארן ארויף די ארבל צו טוהן זייער חלק צו העלפן מער ניו יארקער טרעפן אן אפאָרדעבעל פלאץ צו פאררופן א היים און אז די סטעיט העלפט זיי ארויס ביים טוהן אזוי."

**וועסטשעסטער קאונטי עקזעקיוטיוו, Ken Jenkins (קען דזשענקינס), האט געזאגט,** " Maple Commons האט פארוואנדלט א נישט גענוצטע ליידיגע לאַט אין היימער פאר 33 פאמיליעס. נייע היימער מיינט מער קונדן און ארבייטער פאר לאקאלע ביזנעסער און א מער לעבהאפטיגע לאקאלע עקאנאמיע. די דעוועלאפמענט ווייזט ארויס וואס געשעהט ווען מיר ארבעטן צוזאמען פארזיכטיגערהייט און מיט א קלארע צוועק צו בויען אפאָרדעבעל האוזינג פון א הויכע קוואליטעט, א זאך וואס איז אזוי פארצווייפלט נויטיג אין אונזער קאמיוניטי. א גרויסן דאנק פאר אונזערע שותפים אין סטעיט און לאקאלע רעגירונג פארן ביישטייערן צו די אונטערנעמונג. און די וויכטיגסטע זאך — מיר ענטפאנגען אונזערע נייע שכנים און צוקונפטיגע פריינט ביי Maple Commons."

**קראָטאן-אָן-האדסאן מעיאר, Brian Pugh (ברייען פיו), האט געזאגט,** "Maple Commons האט פארוואנדלט א נישט גענוצטע ליידיגע לאַט אין היימער פאר 33 פאמיליעס. נייע היימער מיינט מער קונדן און ארבייטער פאר לאקאלע ביזנעסער און א מער לעבהאפטיגע לאקאלע עקאנאמיע. די דעוועלאפמענט ווייזט ארויס וואס געשעהט ווען מיר ארבעטן צוזאמען פארזיכטיגערהייט און מיט א קלארע צוועק צו בויען אפאָרדעבעל האוזינג פון א הויכע קוואליטעט, א זאך וואס איז אזוי פארצווייפלט נויטיג אין אונזער קאמיוניטי. א גרויסן דאנק פאר אונזערע שותפים אין סטעיט און לאקאלע רעגירונג פארן ביישטייערן צו די אונטערנעמונג. און די וויכטיגסטע זאך — מיר ענטפאנגען אונזערע נייע שכנים און צוקונפטיגע פריינט ביי Maple Commons."

**גאווערנער Hochul'ס (האקול) האוזינג אגענדע**

גאווערנער Hochul (האקול) איז איבערגעגעבן צו אדרעסירן ניו יארק'ס האוזינג קריזיס און מאכן די סטעיט מער צוגענגליך און מער וואוינבאר פאר אלע ניו יארקער. אלס טייל פון די ענאקטעד בודזשעט פאר די 2025 פיסקאלע יאר, האט די גאווערנער פארזיכערט א היסטארישע אפמאך צו פארגרעסערן די סופליי אויף ניו יארק'ס האוזינג מארקעט דורך נייע שטייער אנרייץ מיטלען פאר אפסטעיט קאמיוניטיס, נייע אנרייץ מיטלען און אויסנאמען פון געוויסע סטעיט-ארויפגעלייגטע באגרעניצונגען צו שאפן מער האוזינג אין ניו יארק סיטי, א 500 מיליאן דאלאר'דיגע קאפיטל קאסע צו בויען ביז צו 15,000 נייע היימען אויף שטחים וואס געהערן צו די סטעיט, נאך 600 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג צו שטיצן א רייע האוזינג דעוועלאפמענטס לענגאויס די סטעיט, און נייע שוץ מאסנאמען פאר טענענטס און היים אייגנטימער. אין צוגאב, אלס טייל פון די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2023, האט די גאווערנער אנאנסירט א פינף-יאריגע, 25 ביליאן דאלארדיגע האוזינג פלאן צו אויפבויען אדער פרעזערווירן 100,000 אפאָרדעבעל היימער אריבער די סטעיט, אריינרעכענענדיג 10,000 מיט שטיצע סערוויסעס פאר שוואכערע באפעלקערונגען און אזוי אויך צו אריבערפירן נאך 55,000 היימער צו נוצן עלעקטריציטעט. מער פון 55,000 היימער זענען שוין געבויט אדער פרעזערווירט געווארן ביז היינט.

די פיסקאלע יאר 2025 אקטיווע בודשעט פארשטערקערט אויך די פרא-האוזינג קאמיוניטי פראגראם (Pro-Housing Community Program) וועלכע די גאווערנער האט אנגעהויבן אין 2023. פרא-האוזינג סערטיפיקאציע איז יעצט א פארלאנג פאר לאקאליטיס צו האבן צוטריט צו ביז 650 מיליאן דאלאר אין וואלונטירישע פינאנצירונג. ביז היינט זענען 275 קאמיוניטיס שוין סערטיפייד געווארן, אריינרעכענענדיג קראָטאן-אָן-האדסאן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן